# א מעשה'לע

גליון ז'

פרשת אח"ק תשפ"ו

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה

"רֶבִּי אִיךְ דַארְף אַ בְּרָכָה..."

אַוַדַאי וֶועל אִיךְ אַייךְ גֶעבְּן אַ בְּרָכָה: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט לֶעבְּן לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן".

"נֵיין, נֵיין!" - שְׁרֵייט דֶער אִיד, דֶער אִיד לָאזְט נִישְׁט עֶנְדִיגְן דִי בְּרָכָה, עֶר הֵייבְּט אָן וֵויינֶען: "אִיךְ וִויל נִישְׁט אַזַא בְּרָכָה, אִיךְ וִויל אַ בְּרָכָה אוֹיף פַארְקֶערְט..."

"פַארְקֶערְט? וָואס?! אִיר וִוילְט אַ בְּרָכָה אוֹיף נִישְׁט לֶעבְּן לַאנְגֶע יָארְן? וָואס אִיז מִיט אַייךְ?!"

"רֶבִּי, רֶבִּי", וֵויינְט דֶער אִיד - "אִיךְ וִויל מֶער נִישְׁט לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ מֶער צוּ לֶעבְּן, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי אַלְט, אִיךְ וִויל שְׁטַארְבְּן..."

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דָאס אִיז גֶעוֶוען




דִי מִצְוָה פוּן תְפִילִין אִיז אַזוֹי חָשׁוּב!

אִין טְבֶרְיָה, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ עֶר וִויל בֶּעטְן אַ בְּרָכָה, דֶער אִיד אִיז גֶעוֶועןן זֵייעֶר אַלְט, נָאנְט צוּ דִי נַיינְצִיג יָאר, עֶר הָאט גֶעקְרֶעכְצְט: "רֶבִּי, עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ לֶעבְּן, אִיךְ וִויל שְׁטַארְבְּן".

דֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִים: "דוּ טִפֵּשׁ וָואס דוּ בִּיסְט, פַארְוָואס וִוילְסְטוּ שְׁטַארְבְּן? עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ בְּלַייבְּן לֶעבְּן צוּ קֶענֶען אָנְטוּן נָאךְ אֵיינְמָאל דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין, דוּ וֵוייסְט וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט? דַארְפְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ לֶעבְּסְט, אַז דוּ קֶענְסְט אָנְטוּן תְּפִילִין, אַז דוּ קֶענְסְט אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, אוּן אַז מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין הִיטְן נָאךְ אֵיין שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר טוּעֶן מִצְוֹות; אִיךְ וִויל פְרֶעגְן דִי קִינְדֶער, וֶוער קֶען אוֹיסְרֶעכֶענֶען מִצְוֹות וָואס מִיר טוּעֶן יֶעדְן טָאג:

אַלֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אָן זָאגְן הוֹיךְ: 'נֶעגְל וַואסֶער', 'מוֹדֶה אֲנִי', 'זָאגְן בְּרָכוֹת', 'פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע', 'קוּשְׁן דִי מְזוּזָה', 'עֶסְן נָאר מִיט אַ גוּטֶע הֶכְשֵׁר', 'דַאוֶוענֶען', 'לֶערְנֶען'.

אוֹיךְ דִי מֵיידְלֶעךְ זָאגְן זֵייעֶרֶע מִצְוֹות: 'צְנִיעוּת', 'נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אַ חַבֶרְ'טֶע', 'רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

דֶער טַאטֶע נֶעמְט אַלֶע קִינְדֶער אוּן מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין אַ פְרֵיילִיכֶע טַאנְץ: "טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיר, טַאטֶע אִיךְ לוֹיבּ דִיר וַוייל אִיךְ בִּין אַ אִיד, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָעִים גּוֹרָלֵנוּ וּמַה יָפֶה יְרוּשָּׁתֵנוּ".

צו הערן די מעשה פארציילט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א - 212.444.9191 1-5-2-1

# ספר המידות

## שִׂמְחָה - חלק א'

א. כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו.

א. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה פְּרֵיילִיכֶערְהֵייט, אִיז אַ סִימָן אַז זַיין הַארְץ אִיז גַאנְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.





קול ברסלב

212.444.9191

845.351.0910

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל: breslevcenter@gmail.com